# אַ זומער אינעם ווילנער ייִדיש־אינסטיטוט

עלען קאַסעדי/טאַקאָמאַ־פּאַרק, מ״ד

דעם ערשטן טאָג פֿון דער זומער־פּראָגראַם האָב איך זיך געאײַלט דורך די אײַזערנע טויערן פֿון ווילנער אוניווערסיטעט, אין דער הויפּטשטאָט פֿון דער ליטע. דער הימל איז געווען גלאַנציק בלוי, מיט פּוכיקע וואָלקנדלעך. איך בין אַריבער דעם הויף פֿון דעם ווילנער ייִדיש־אינסטיטוט,



עלען קאַסעדי

די גאַס פֿונעם הייליקן איגנאָטו אין ווילנע, אין אַמאָליקן ייִדישן קוואַרטל

האָב אַרויפֿגעקלעטערט די טרעפּ, און בין אַרײַנגעקומען אין אַ קלאַסצימערל אַ קליינס הויך אונטער די רינעס, מיט אַ טאָוול און פֿיר רייען האָלצערנע שרײַבטישן. דורך די אָפֿענע פֿענצטער האָט אַ ווינטל אַרײַנגעטראָגן די קלאַנגען פֿון קולער און טרומייטן פֿון פּיליעס גאַטווע („שלאָסגאַס“) אין דער פֿאַרשמײַעטער שטאָט אונטן אַרומעט.

מיר, סטודענטן פֿון דער זומער־פּראָגראַם בײַ דעם אינסטיטוט, זײַנען געווען יונגע, אַלטע, מיטל־יאָריקע; ייִדן און ניט־ייִדן. צווישן אונדז האָבן זיך געפֿונען צוויי לערערס פֿון יאַפּאַן, אַ געוועזענער רעפּיוזניק פֿון סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, הײַנט אַ תּל־אָבֿיבֿער, אַן אַמעריקאַנער וואָס זײַן טאַטע האָט זיך געבעטן בײַ אים אויפֿן טויטנבעט ער זאָל זיך אויסלערנען ייִדיש. נאָך איינער איז געווען אַ ביבליאָטעקער פֿון האָלאַנד, אַן אַנדערע אַ טאַנגאָ־זינגערין פֿון אַרגענטינע. איינער איז געווען אַ ווײַסבאָרדיקער לעבן־געבליבענער פֿון אויסטראַליע, אַן אַנדערע אַ דײַטשישע פּסיכיאַטערין וואָס האָט געדאַרפֿט קענען רעדן ייִדיש מיט זייער אַ קראַנקן קליענט. אין מײַן קלאַס זײַנען ניט געווען קיין סטודענטן פֿון דער ליטע – ניט קיין ליטווישע ייִדן און ניט קיין ליטווינער, כאָטש אין אַנדערע יאָרן זײַנען יאָ געווען.

און דער לערער? ער האָט ניט געהאַלטן קיין קאַנטשיק, אַזוי ווי דער מלמד אין דעם אַמאָליקן חדר, אָבער זײַנע תּקנות זײַנען געווען שטרענג – אַלץ אויף ייִדיש! קיין וואָרט ניט אויף קיין אַנדערע שפּראַכן! פֿונדעסטוועגן איז ער געווען אַ מענטש אַ וואַרעמער, פֿול מיט געפֿיל.

„טײַערע תּלמידים“ – האָט ער געזאָגט – „ייִדיש זאָל מען לייענען ניט נאָר מיט די אויגן, נאָר אויך מיט דער נאָז“. דאָס איבערנעמען אַ ליטעראַרישע ירושה, האָט ער געהאַלטן, פֿאַרלאַנגט ניט נאָר מוח, נאָר אויך אינטויִציע, האַרץ.

מען האָט אָנגעהויבן לייענען אויף אַ קול פֿון דער אויטאָביאָגראַפֿיע פֿון דעם שרײַבער און קריטיקער קלמן מאַרמאָר.

צום סוף פֿונעם נײַנצנטן יאָרהונדערט, אין אַ קלאַסצימערל הויך איבער דעם שולהויף – אָט דאָ אין ווילנע, ניט ווײַט פֿון אונדזער קלאַסצימערל הויך איבער פּיליעס גאַטווע – שטייט אַ ישיבֿה־בחור, וואָס נוצט אַ קופּערנע מטבע אויסצוקראַצן אַ לעכל אין דער פֿראָסטיקער שויב. און מיר – אויך מיר קראַצן אויס אַ לעכל כּדי אַרײַנצוזען אין דעם שווערן טעקסט.

נאָך דעם: גראַמאַטיק, מיט אַ צווייטן לערער. ער האָט אָנגעהויבן מיט דעם אַלף־בית, אַזוי ווי מיט דרײַ־יאָריקע ייִנגעלעך, מיט לאַנגע יאָרן צוריק, דעם ערשטן טאָג פֿון חדר, ווען מען האָט באַשפּריצט די אותיות פֿון די ספֿרים פֿון די

> *דאָס איבערנעמען אַ ליטעראַרישע ירושה, האָט ער געהאַלטן, פֿאַרלאַנגט ניט נאָר מוח, נאָר אויך אינטויִציע, האַרץ.*

תּלמידימלעך מיט צוקער, כּדי זיי זאָלן פֿאַרשטיין, אַז דאָס לערנען תּורה איז זיס. פֿאַר אונדז איז ניט געווען קיין צוקער; זיסקייט, אָבער – יאָ.

אין אַ קול, קלינגענדיק און עלעגיש, האָט דער לערער פֿאָרגעלייענט משה קולבאַקס ליד „ייִדיש“.

געזען האָב איך ייִדישע ווערטער ווי
פֿײַערלעך קליינע, ווי פֿײַערלעך קליינע,
ווי פֿונקען געצויגן פֿון פֿינצטערן אַרץ.
געפֿילט האָב איך ייִדישע ווערטער ווי
טײַבעלעך ריינע, ווי טײַבעלעך ריינע.
די טײַבעלעך וואָרקען און וואָרקען אין
האַרץ.

דער צימער האָט זיך אָנגעפֿילט מיט אַ ליבשאַפֿט צו ייִדיש – קולבאַקס ליבשאַפֿט, דעם לערערס ליבשאַפֿט, אונדזער ליבשאַפֿט. וואָס קען דען זײַן אַ גרעסערע טרייסט? אַז מע נעמט דאָס מאַמע־לשון אַרײַן אין האַרצן איז אַ מחיה.

מיטאָג נאָך די לעקציעס האָבן די לעצטע ייִדיש־רעדערס פֿון ווילנע – אַכציק־יאָריקע פֿרויען, געוועזענע פּאַרטיזאַנערס – אונדז געפֿירט איבער די גאַסן פֿון „ווילנע פֿון אַמאָל“ – ווילנע פֿאַר דער מלחמה, ווען דאָ אין שטאָט האָבן געוווינט 60,000 ייִדן (הײַנט: נאָר 2,000). מיר האָבן געזען דעם ייִדישן בית־עולם, די געוועזענע שולן און טעאַטערס, און די שילדן – אויף ליטוויש און אויף ייִדיש – וואָס דערציילן די געשיכטע פֿון די ליטוואַקעס. אין דעם טאָלעראַנץ־צענטער (אַ טייל פֿון דעם ייִדישן מוזיי א״נ ווילנער גאָון, אַ שותּף פֿון דעם אינסטיטוט) האָט אַ פּראַכטיקע זינגערין, אַ ליטווינערין, געזונגען לידער פֿון ווילנער געטאָ.

רחל קאָסטאַניאַן, דער אונטערדירעקטאָר פֿון דעם ייִדישן מוזיי א״נ ווילנער גאָון האָט אונדז איבערגעגעבן, אַז „ווילנע איז געווען אונדזער מלכות. די ייִדישע משפּחות, מיט זייערע צען אָדער פֿופֿצן קינדער, האָבן גאָרניט פֿאַרמאָגט – אַחוץ זייער לומדות און וויסן“.

הײַנט פֿירט די קהילה אָן מיט אַ סך קולטורעלע אַקטיוויטעטן, און העלפֿט נויט־באַדערפֿטיקע ייִדן מיט פֿאַרשיידענע סאָציאַלע באַדינונגען. עס איז אויך דאָ אַ ייִדישע גימנאַזיע א״נ שלום־עליכם. ביז מיט אַ צוויי־דרײַ יאָר צוריק איז אַרויס אַ צײַטונג ירושלים ד׳ליטא אויף רוסיש, ליטוויש, ייִדיש און ענגליש. הגם עס זײַנען נאָך פֿאַרבליבן ייִדיש־רעדערס איז די צאָל אַ קליינע און צום רובֿ זײַנען זיי עלטערע לײַט. רעדן רעדן זיי צווישן זיך בדרך־כּלל אויף רוסיש. פֿרײַטיק צו נאַכטס זײַנען מיר אַרײַנגעגאַנגען אין דער כאָרשול (די איינציקע שול וואָס איז נאָך הײַנט פֿאַרבליבן אין ווילנע). רעדנדיק אויף סײַ ייִדיש סײַ רוסיש סײַ העברעיִש האָט דער רבֿ באַגריסט די שבת־מלכּה פֿאַר אַן עדה עלטערע ייִדן. דערנאָך זײַנען מיר אַריבער אין דעם בנין פֿון דער ייִדישער קהילה (די אַמאָליקע תּרבות־שול), וווּ מען האָט זיך געזעצט אַרום דעם שבת־טיש, מיט שבת־ליכט און ניגונים, קאַשע, שוואָמען, און פֿלעשער ווײַן.

אין די שעהען ווען איך בין ניט געווען אין קלאַס האָב איך, ווי אַ זשורנאַליסט און אַ שרײַבער, אויסגעפֿאָרשט ווי אַזוי די ליטווינער טרעפֿן זיך אָן פּנים־אל־פּנים מיטן ייִדישן עזבֿון פֿון זייער לאַנד. איך האָב גערעדט מיט די פֿירערס פֿון דער ליטווישער חורבן־דערציִונג־פּראָגראַם, און האָב זיך לאַנג פֿאַרטראַכט וועגן זייערע גוטהאַרציקע איניציאַטיוון. די צוויי אָקופּאַציעס – די סאָוועטישע און די נאַצישע – דערמאָנען



**ווילנער ייִדישע שרײַבערס**
פֿון רעכטס: קלמן מאַרמאָר (1879-1956), זלמן שניאור (1887-1959), משה קולבאַק (1896-1937), אַבֿרהם קאַרפּינאָוויטש (1913-2004), אַבֿרהם סוצקעווער (1913-2010)

דעם עלטערן דור ליטווינער אין פֿאַרשיידענע (און אַ מאָל אַנטקעגנגנדיקע) פּערספּעקטיוון; די יונגע־לײַט, ווידער, האָבן קיין מאָל ניט געקענט די ליטוואַקעס. דערפֿאַר איז דער פּראָיעקט פֿון אָט די אַקטיוויסטן אַ שווערער און אַ דעליקאַטער.



עלען קאַסעדי

סטודענטן אין הויף בײַ דעם בנין פֿון ווילנער יידיש־אינסטיטוט

מען האָט מיר געזאָגט אַז אַ גאַנץ יאָר זײַנען די קלאַסצימערן פֿון דעם אינסטיטוט פֿול מיט אָרטיקע אוניווערסיטעט־סטודענטן, דאָס רובֿ ניט־יידן מיט ניט־ייִדישע ליטווישע פּראָפֿעסאָרן, וואָס לערנען זיך וועגן דעם ווילנער גאון, דעם בונד, דעם ציוניזם, ווי אויך די ליטעראַרישע ווערק פֿון ליטווישע ייִדישע שרײַבערס ווי זלמן שניאור, משה קולבאַק, און אַבֿרהם קאַרפּינאָוויטש. זיי באַוווּנדערן די זילבערנע צירן פֿון די אַמאָליקע שולן און די פֿאָלקסקונסט פֿון דעם שטעטל. אַז די סטודענטן אַנטדעקן די אוצרות פֿון דער כמעט פֿאַרשווּנדענער ייִדישער וועלט האָפֿט מען אַז זיי וועלן זיך פֿרעגן נײַע פֿראַגעס וועגן דער פֿאַרגאַנגענהייט – און אַנטוויקלען אַ נײַע וויזיע פֿאַר דער צוקונפֿט אין וועלכער מע וועט זיך קענען פֿאָרשטעלן אַ ליטע וואָס גיט אָפּ דרך־ארץ ייִדן און זייער קולטור, ווי אויך ליטווינער, רוסן, פּאָליאַקן, ראָמאַ, און אַלע אַנדערע עטנישע גרופּעס און לענדער מיט זייערער.

אין אָוונט בין איך געזעסן אין קיך מיט מײַן מיטווינערין און מיט גוזמות היימאַרבעט. שעהען לאַנג האָבן מיר זיך געשושקעט און געשריבן, און געבלעטערט דורך די ווערטערביכער. דאָס פֿאַרבינדן זיך מיט דער ליטוואַקישער טראַדיציע פֿון לומדות, וואָס איז שוין אַזוי אײַנגעוואָרצלט אין אָט דעם לאַנד, האָט אונדז פֿאַרשאַפֿט אַ טיפֿע צופֿרידנקייט.

די ווילנער גאַסן און בנינים זײַנען זיך ווידער אַ מאָל און אָבער אַ מאָל צעוואָקסן אויף די זײַטלעך פֿון די דערציילונגען וואָס מיר האָבן געלייענט. אין אַבֿרהם קאַרפּינאָוויטשעס אַ דערציילונג, „צאַלקע דער פֿרײַער“, טרעפֿט זיך דער העלד מיט אַ מיידל אונטער דעם זייגער בײַ דעם ראָטהויז אויף דײַטשער גאַס – אַן אָרט וואָס איז אונדז שוין געווען גוט באַקאַנט.

אַ צווייטע דערציילונג, אַבֿרהם סוצקעווערס „די פֿרוי אין דער שטרויענער פּאַנאַמע“, הייבט זיך אָן אַזוי:

> אין איינעם אַ טאָג פֿון דער שחיטה־צײַט בין איך געזעסן אין אַ טונקל חדרל און געשריבן... כ'האָב זיך דערפֿילט אין חדרל ווי די הענגענדיקע צונג אין אַ גלאָק. אַ ריר, אַ צאַפּל – און דער גלאָק וועט זיך באַלד צעקלינגען.

איצט, זיצנדיק אין דעם זעלבן אָרט ווו סוצקעווער האָט געוווינט אין געטאָ האָב איך געפֿילט, אַז אויך איך הער זיך צו צו דעם טיפֿן קלינגען פֿון דעם זעלבן גלאָק.

נאָך אַ פּאָר וואָכן האָב איך מיט גרויס פֿאַרגעניגן זיך געכאַפּט, אַז דער קלאַס איז מיר גרינגער געוואָרן. אַז מען האָט פֿאָרגעלייענט אַ דערציילונג האָב איך מער ניט געדאַרפֿט שטעלן אַ ציטערדיקן פֿינגער אויף יעדן וואָרט פֿון טעקסט – איך האָב זיך פּשוט געקענט צוהערן.

דעם לעצטן טאָג פֿון דער זומער־פּראָגראַם זײַנען די סטודענטן זיך געזעסן אין אוניווערסיטעט־הויף. געוואַרעמט פֿון דער זון האָבן מיר אַרײַנגעאָטעמט דעם ריח פֿון די בלומען אין די פֿענצטער־קעסטלעך וואָס האָבן באַצירט די אַלטע ווענט. מיר האָבן אָנגעצייכנט מיט די אויגן די בנעימותדיקע קאָנטורן פֿונעם בוים וואָס זײַנע בלעטער האָבן מיט





זייער שאָטן פֿאַרשטעלט די ברוקשטיינער. דאָס לאַנד פֿון מײַנע אָבֿות – ביז איצט ווײַט און אומבאַקאַנט – איז מיר געוואָרן נאָענט און ממשותדיק.

---

**עלען קאַסעדי** איז דער מחבר פֿון *We Are Here: Memories of the Lithuanian Holocaust* (University of Nebraska Press), וואָס דערציילט וועגן איר נסיעה — אַ לינגוויסטישער, מאָראַלישער און היסטאָרישער — אין דעם לאַנד פֿון אירע ייִדישע אָבֿות. איר וועבזײַטל איז: ellencassedy.com